# רבי אביגדור ענטפערט...



שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות,
און נאך, וואס זענען גענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

פורים-חתוה
תשפ"א לפ"ק
גליון קנ"ח

## פראגע

**וויאזוי האט אסתר באוויזן צו באהאלטן איר אפשטאם פאר אזוי לאנג? וואס האט זי געענטפערט יעדעס מאל וואס אחשוורוש האט איר געפרעגט?**

## ענטפער:

מרדכי האט איר געגעבן א גוטן חינוך, און דאס איז טייל פונעם חינוך וואס ער האט איר געגעבן. מרדכי האט איר אויסגעלערנט **נישט צו רעדן**. ס'איז אן אויסטערלישע שלימות זיך צו האלטן שטיל. א צווייטע מיידל וואלט געפלאפלעט, און פריער אדער שפעטער וואלט זי עס ארויסגעגעבן. אבער נישט אסתר! זי איז געווען טרענירט נישט צו רעדן.

יעצט, קיינער וואלט נישט געפרעגט קיין שאלות חוץ דער קעניג אליינס; די מענטשן ארום האבן געהאט דרך ארץ פאר איר. און דער קעניג זעלבסט איז נישט געווען אינטערעסירט. דער קעניג איז געווען א בעל תאוה; ער איז געווען האלב אנגעטרונקען, ער איז געווען פארנומען מיט זיינע זאכן און ס'איז אים נישט אנגעגאנגען די אפשטאם פון זיין ווייב. אנדערע מענטשן ארום וואלטן נישט געהאט די שטארקייט איר צו פרעגן קשיות. מען קען נישט סתם פרעגן זאכן פון א קעניגן.

דעריבער האט קיינער איר נישט געבאדערט און זי האט אלעס געהאלטן ביי זיך. זי האט געהאלטן איר מויל פארמאכט. און דאס איז געווען די געוואלדיגע שלימות וואס מרדכי האט איר אויסגעלערנט. "כי מרדכי הגיד לה" – מרדכי האט איר געזאגט נישט צו רעדן און זי האט געהאט זעלבסט-קאנטראל. ס'איז א געוואלדיגע שלימות אין כאראקטער זיך אויסצולערנען נישט צו רעדן זאכן וואס פעלן נישט אויס. (R-34#)

## פראגע

**נאכן נס פורים האט כלל ישראל נאכאמאל מקבל געווען די תורה מאהבה. מיינט עס אז דער דור פון מרדכי איז אייגנטליך געווארן בעסער ווי אונזערע אור-עלטערן זענען געווען ביי מתן תורה?**

## ענטפער:

דער ענטפער איז ניין. אבער איר דארפט פארשטיין אז די חילוק איז ווי פאלגענד: ס'איז נישט קיין פראגע אז דער דור פון מתן תורה איז געווען פיל העכער ווי סיי-וועלכע דור שפעטער – מאכט נישט קיין טעות דערוועגן. **דער דור וואס איז ארויסגעגאנגען פון מצרים איז געווען די בעסטע דור וואס האט נאר אמאל געלעבט.** משה רבינו האט געהאט אן אויסטערלישע השפעה אויף זיי און אויך אהרן. און מרים איז געווען די לערערין פאר די פרויען, און בזכות נשים צדקניות נגאלו אבותינו ממצרים – די פרויען אין מצרים זענען געווען גאר גרויס.

ווען זיי זענען ארויס פון מצרים איז עס געווען א דור וואס "וידעת את ד'"! זיי האבן געקענט דעם אויבערשטן. זיי זענען געווען דער **דור דעה** – וואס זיי האבן געלערנט ווען זיי האבן געזען די מכות האט טראנספארמירט זייערע מחשבות; זיי זענען געווארן מורא'דיג דערהויבן. "ויראו העם את ד'" – זיי האבן מורא געהאט פון השי"ת. "ויאמינו בד' ובמשה עבדו" – זיי האבן געהאט גענצליכע אמונה אינעם באשעפער און אין זיין קנעכט משה.

און ווען זיי זענען געשטאנען ביים בארג סיני זענען זיי געווארן נאך מער דערהויבן. **"רובם מגיעים אל הנבואה"** (כוזרי) – רוב פון זיי זענען געווארן נביאים אין יענעם מאמענט ווען זיי האבן געהערט די ווערטער פון השי"ת. מיר האבן נישט קיין מושג איבער די גרויסקייט פון יענעם דור. עס קען אייך אויסקוקן ווי א גוזמא, ווייל איר זענט געלערנט געווארן אין חדר צו מזלזל זיין אין דעם דור. "והם לא ידעו דרכי", זאגט איר. אבער מאכט נישט קיין טעות; זיי זענען געווען די וואס האבן געוואוסט די דרכי השם מער ווי סיי-ווער. די גאנצע סיבה פארוואס זיי ווערן קריטיקירט איז נאר ווייל לויט זייערע מדריגות וואלטן זיי ווען געדארפט זיין **נאך גרעסער**. אבער זיי זענען

געווען מורא'דיג גרויס.

אף על פי כן, ווי גרויס זיי זענען געווען, קיין שום איבערלעבעניש אין היסטאריע קען זיך נישט פארגלייכן צו דאס וואס די אידן האבן מיטגעלעבט אין די צייטן פון המן, ווען זיי זענען פאראורטיילט געווארן צו א **זיכערע טויט**. דאס איז א גרויסע חילוק. אין מצרים זענען זיי נישט פאראורטיילט געווארן צום טויט. "זכרנו את הדגה", האבן זיי געזאגט. עס מיינט אז אין מצרים האבן זיי למעשה געלעבט. ס'איז נישט געווען די בעסטע סארט לעבן, אבער געלעבט האבן זיי. אבער דא ביי המן האבן זיי געוואוסט אז טויט ערווארטעט זיי אט-אט, און ס'איז נישט געווען קיין וועג ארויס! עס איז נישט דא אזא זאך ווי צוריקדרייען דעם קעניג'ס באפעל. זיי זענען געווען פערטיג!

און דערפאר, די טויש וואס האט פאסירט אין זיי - ווען דער אומגלויבליכער נס האט פאסירט – איז געווען מער פונדאמענטאל. נישט ווייל נאכדעם זענען זיי געווארן ריינער און מער אויסגעלייטערט ווי דער דור וואס האט געהערט משה רבינו'ס ווערטער. ניין; די מענטשן וואס האבן געזען משה רבינו זענען געווען אומפארגלייכבאר. אבער די טראנספארמאציע וואס זיי זענען דורך אין די צייטן פון המן איז געווען אזוי דראמאטיש אז גארנישט קען זיך נישט פארגלייכן צו איר.

איך וועל אייך געבן א משל. לאמיר זאגן אז עמיצער לעבט א נארמאלע לעבן און ער היט זיך דאס געזונט; ער עסט אזוי ווי מ'דארף, ער מאכט איבונגען, ער גיבט זיך אפ מיט זיין קערפער. דער מענטש איז א דוגמא פון א מושלמ'דיגער געזונטער מענטש. יעצט איז דא א צווייטער מענטש וואס פארנאכלעסיגט זיין געזונט און יעצט ווערט ער שטערבליך קראנק. און כדי צו ראטעווען זיין לעבן גיבט אים דער דאקטאר אן איינשפריץ פון א גאר-שארפע מעדיצין און ער ראטעוועט זיין לעבן. יעצט איז ער נאכאמאל צוריק צום לעבן! אזא ערפארונג איז אומפארגלייכבאר; ער איז געווען אויפ'ן שוועל פון טויט און יעצט האט מען אים צוריקגעברענגט צום לעבן. אבער סוף-כל-סוף איז ער נישט געזונטער ווי דעם ערשטן מענטש. דער ערשטער וואס לעבט א נארמאלע לעבן איז נאך אלץ געזונטער ווי דעם צווייטן.

אלזא, טראצדעם וואס נאך די מעשה פון פורים איז כלל ישראל געווארן אויפגעפרישט – מיר האבן באקומען אן איינשפריץ, אן עכטע 'איינשפריץ אינעם ארעם' – מיר זענען צוריק געבוירן געווארן! אבער אין קיין שום וועג האט עס נישט געענדלט אינעם דור וואס האט באקומען די תורה; קיין שום פראגע דערוועגן. (#731)

## פראגע

**פארוואס האבן נישט די גדולים אין אייראפע צאמגענומען אלע אידן צו פאסטן און תשובה טון פונקט ווי מרדכי האט געטון ווען ער האט געזען אז עס קומט א האלאקאוסט?**

## ענטפער:

און דער ענטפער איז אז די גדולים אין אייראפע האבן בכלל נישט געהאט קיין השפעה אויף די מאסן, און איך קען עדות זאגן דערויף.

איך וועל אייך געבן א משל. איך בין געווען אין סלאבאדקע וואס איז א פֿאַרשטאָט פון קאוונע. קאוונע איז געווען די הויפט שטאט פון ליטע און דער קאוונער רב איז געווען די העכסטע תורה'דיגע אויטאריטעט אין גאנץ ליטע. און דאך וואלט קיין שום צייטונג נישט געדרוקט סיי-וואס ער האט געזאגט. טאמער וואלט ער ווען ארויסגעקומען מיט א רוף אז מיר זאלן דאווענען צו השי"ת, וואלט מען אפגעשפעט פון אים. די מערסטע וואס ער וואלט געקענט טון, אויב וואלט ער געהאט קוראזש, איז צו דרוקן ליפלעטן און עס פארשפרייטן אין די בתי מדרשים. אבער די מענטשן זענען סיי-ווי נישט געקומען אין בית המדרש – זייער ווייניג מענטשן זענען געקומען. אלזא, ווער וואלט אים דען אויסגעהערט?

איך בין זיכער אז ער אליינס האט יא מתפלל געווען. איך בין זיכער אז אין סלאבאדקע האבן זיי געדאווענט. איך בין געווען אנוועזנד אין סלאבאדקע ווען היטלער האט ארײנמארשירט אין סודעטנלאנד, און זיי האבן מתפלל געווען; אוי ווי זיי האבן געדאווענט. אבער אינדרויסן פון דער ישיבה, די המון עם איז געווען קעגן די ישיבה בחורים. זיי האבן פיינט געהאט די ישיבה בחורים; זיי האבן זיי גערופן 'פעטראנעס'. דאס מיינט פאראזיטן.

ווייל די אידישע מאסן זענען געווען אין די הענט פון די צייטונגען; יעדער האט געליינט די צייטונגען. און די צייטונגען זענען געווען קעגן האלטן די תורה, זיי האבן פיינט געהאט די תורה. די מאסן זענען געווען פארגיפטעט – אפילו די שומרי שבת אידן זענען געווען פאר'סמ'ט דורך די צייטונגען. איז וויאזוי וואלטן די גדולי התורה געקענט עפעס טון? די אגודת ישראל האבן געהאט א קליינע צייטונג, זיי זענען ארויסגעקומען איינמאל א חודש – איינמאל א חודש! זיי האבן בכלל נישט געהאט קיין השפעה. און דערפאר האבן די רבנים אין אייראפע נישט געקענט צאמרופן די אידן און זיי באפעלן תשובה צו טון– ס'איז בכלל נישט געווען קיין אפציע.

און איר מיינט אז אין אונגארן איז בעסער געווען? ניין, ס'איז נישט געווען צופיל בעסער דארט. אין אונגארן זענען די רעפארמער געווען די פירער. איבעראל, די רעפארם ראביי'ס זענען געווען די וואס האבן געהאט א השפעה איבער די המון עם, און דערפאר איז עס אויך נישט געווען שייך. זיי האבן נישט גערופן דעם עולם צו תשובה טון ווייל די מענטשן האבן נישט געוואלט גערופן ווערן – און דערפאר איז די ישועה נישט געקומען. (# 731)

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures.
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

# אין אלע ספרים געשעפטן!




אידיש!

## הונדערטער פראגעס און ענטפערס

אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
צוזאמגענומען אין איין באנד

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

בס"ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים וועכענטליך אויף אימעיל




בריליאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות




- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק







צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב